№ 17 (דריטער יאַרגאַנג) פרייז 10 גראָשן

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

BIALER WOCHENBLAT

# ביאַלער וואָכנבלאַט

אַבאָנאַמענטס-פרייז:

מאָנאַטלעך . . . . . 35 גראָשן

פערטל-יערלעך . . . . . 1.00 זל.

אין אויסלאַנד:

פערטל-יערלעך . . . . . 1 דאָלאַר

אַנאָנסן-פרייז:

פאַר אַ פעטיט-שורה אין טעקסט . 40 גראָשן

" " " " פאַרן טעקסט . 20 "

" " " " נאָכן טעקסט . 15 "

פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסן איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

די צייטונג טראָגט נישט קיין געשעפטס-כאַראַקטער און איז נישט אויסגערעכנט אויף פאַרדינסט.

אַדרעס פאַר בריוו און געלט-זענדונגען:

Red. „BIALER WOCHENBLAT"

Biała-Podl., Grabanowska 39.

Konto rozrach. № 1.

Skrz. poczt. 26.

Biała-Podlaska, dnia 15 maja 1936 r.

ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג פ׳ בהר ובחקותי תרצ"ו, 15 מאַי.



## מעלדונג

מיר מאַכן באַקאַנט די ביאַלער קינאָ-באַזוכער, דאָס שוין אין די נאָענטסטע טעג ווערט געעפנט אַ נייער, פּרעכטיקער

## קלאַנג-קינאָ א. נ.

## „ŚWIATOWID"

„שוויאַטאָוויד" וועט גיין אין די וועגן פון וואַרשעווער קינאָ אויפן זעלבן נאָמען און וועט דעמאָנסטרירן פילמען, נאָר די בעסטע פון דער אַמעריקאַנער און אייראָפּעישער פּראָדוקציע (אויסער דייטשע).

„שוויאַטאָוויד" וועט דעמאָנסטרירן פילמען נישט פון קיין שונד-כאַראַקטער, נאָר פון אַ גוטן, ליטעראַרישן און אַרטיסטישן אינהאַלט.

„שוויאַטאָוויד" וועט זיין אַ קינאָ פאַרן באַזוכער מיט אַ גוטן געשמאַק.

„שוויאַטאָוויד" געפינט זיך אין צענטר שטאָט, איז פּרעכטיק מאָדערן איינגעאָרדנט, באַזיצט באַקוועמע פאָטעלן צום זיצן, באַזונדערע איינגענג אין די פּאָיעס.

„שוויאַטאָוויד" געפינט זיך אין פאַרטער-פראָנט, אויף פּיעראַצקי-גאַס № 27

די פייערלעכע דערעפנונג דאָנערשטאָג ד. 21 מאַי ה. י.

## דירעקציע פון קינא „שוויאַטאָוויד"



## Kino Dźw. „TĘCZA"

דעמאָנסטרירט ביז מאָנטאָג דעם 18 ה.מ.

דעם פילם א. נ.:

### „אונזער זון"

### (Nasze Słoneczko)

די הויפט ראָלע פירט אויס די זעקס-יעריקע שירליי טעמפּל

פון מאָנטאָג ביז דאָנערשטאָג דעם 21 דעם באַרימטן פילם א. נ.:

### „עפּיזאָד"

### (Epizod)

אַ פילם, וועלכער שטייט איבער דעם פילם „מאַסקאַראַדע", אַ פילם אַ געשעפעניש

פון דאָנערשטאָג ביז מאָנטאָג דעם 25

### פּאַט און פּאַטאַשאָן

אַלס דזשאַז-באַנדיטן.

## „ŚWIATOWID"

דעמאָנסטרירט דעם 21-טן ה. מ. דאָסטאָיעווסקיס באַרימט ווערק אין פילם א. נ.:

### „פאַרברעכן און שטראָף"

### (Zbrodnia i Kara)

די הויפט ראָלן פירן אויס די באַרימטע אַרטיסטן:

הארי באַור (פּראָקוראָר)

פּ. בלאַנשער (ראַסקאָלניקאָוו)

אוזעריי (סאָניאַ)

אַלע וואָס האָבן געליינט דאָסטאָיעווסקין, האָבן פון אים געהערט. אַלע וואָס ווילן האָבן אַן אַרטיסטיש-ליטעראַרישן גענוס

### דאַרפן, מוזן, וועלן

באַזוכן דעם פילם אין

### „Światowid".


דער קינפטיקער נומער, דערשיינט ערב שבועות.


## הכסף יענה את הכל!

די ציונג פון דער 1-טער קלאַס 36-טער מלוכה-לאָטעריע פאַנגט שוין אָן דעם קומענדיקן מאָנאַט

אַלגעמיינע צאָל געווינסן

### 18.910.200 זל.

הויפט-געווינס

### 1.000.000 זלאָטעס

שאַנסן קאָלאָסאַלע - פּרייזן מינימאַלע

פּרייזן: 1/4 — 10 זל., 1/2 — 20 זל., 1/1 — 40 זל.

אַ באַגרענעצטע צאָל לאָסן!

**געדענק!** אַז קויפנדיק אַ לאָס פון דער 1-טער קלאַס קאָנסטו זיך פאַרזאָרגן אַ גליקלעכע צוקונפט

**געדענק!** אַז „אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמא מן העין" און דאָס איז נאָר אַ לאָס

**געדענק!** אין דעם שפּריכוואָרט, „אַז מען שטעלט נישט איין, נעמט מען נישט אויס

**געדענק!** צו גיין אויף דעם גלייכן וועג און דער גלייכסטער וועג איז — נאָר צו גיין און קויפן אַ לאָס

אין דער גליקלעכער קאָלעקטור

### J. S. UCZEŃ

Biała Podl., Pl. Wolności 8.

Konto czek. P. K. O. 80.461


## אויפקלערונג

אויף דער אויפפאָדערונג פון ה׳ משה ראָדזינעק אין „ביאַלער - וואָכנבלאַט" № 12, דאָס איך זאָל גיין מיט אים צו אַ בוררים-געריכט, האָב איך תיכף מסכים געווען, אַז אַ געריכט זאָל פאָרקומען. אַרויסגייענדיק היינטיקן זונטאָג אין גאַס און הערנדיק די דראָונגען מיט וועלכע ה׳ משה ראָדזינעק גייט קעגן מיר, קען שוין קיין רייד וועגן אַ בוררים-געריכט נישט זיין. אַקעגן בין איך מסכים צו גיין מיט אים צו אַ דין-תורה אין פערלויף פון 8 טעג.

מיט אַכטונג **יוסף**


## צו פאַרקויפן

אַן אַנצוג נאָר וואָס אויפגענייט. די מאָס פון אים איז: לענג - 65 צמ., ברייט — 46 צמ. ביי **מאיר דייץ**, יאַנאָווער № 3.

## „ALBA"

דעמאָנסטרירט פון היינט אָן די ווינער פּראַכטפולע קאָמעדיע מיט פראַנציסקאַ גאַאַל אין דער הויפט-ראָל

### „פריילינגס-פּאַראַד"

פון מאָנטאָג דעם 18 ביז דאָנערשטאָג דעם 21 ה. מ.

### „אַ פילם פאַר יידן" ? ? ?

שפּראַך און געזאַנג אויף יידיש

פון דאָנערשטאָג דעם 21 מאַי, דער גרעסטער פילם - שלאַגער פון אַלע צייטן. אַ פילם, וועלכער מוז דורך יעדן געזען ווערן

### „SING-SING"

## אַלע מוטערס

פאָטאָגראַפירן זייערע קינדער אין „פאָטאָ-פילם" פרייהייט-פּלאַץ № 5

סווערט געזוכט אַ לערן-ייִנגל אין פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט פון א. אורמאַכער.

## „וואַרשעווער צוקערניע"

אייגנטימער יצחק פאָגעל, פּיעראַצקע № 12

מעלדעט

דאָס יולפן פאַרלאַנג פון פּובליקום, וועלכעס האָט זיך זייער גוט געוויילט בעת דער „קאָנצערט-דאַנסינג" וועט איינגעאָרדנט אויף שבת, דעם 16 און זונטאָג דעם 17 ה. כ. ווייטערע

### „קאָנצערט-דאַנסינגן"

איינטריט אָן ספּעציעלע אָפּצאָלן

ביליקע פּרייזן

